Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 14, נומער 1 (66)

תשרי תשס״ט/אָקטאָבער 2008

# ביג בעבג שמיג בענג !

עס האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן דאָס נײַע ייִדישע יאָר תּשס״ט[1] (5769). געוויינטלעך פֿרייט מען זיך בײַ אַזאַ געלעגנהייט. נאָר הײַיאָר[2] שטייט די וועלט פֿאַר אַ סך סכּנות[3] : פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, עקאָלאָגישע... און נאָך דערצו האָט זיך לעצטנס באַוויזן אַ נײַע מכּה[4] : אַ פּאַרטיקלען־פֿאַרגיכערער[5] !

כּדי[6] אויסצוגעפֿינען אַ נאַטור־געזעץ[7] האָט מען אַ מאָל געדאַרפֿט אַן עפּל, אַ ביסל וואַסער אין אַ וואַנע[8], אָדער פּשוט[9] אַ מוח[10]. די אַלטע צײַטן זײַנען אָבער אַריבער ! איצט, אין 2008 וויל מען אַנטדעקן[11] ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן און צו דעם האָט מען צוגעטראַכט אַ גרויסע מאַשין וואָס מע רופֿט זי אַ פּאַרטיקלען־פֿאַרגיכערער.
דאָס באַשטייט אין אַ ריזיקן[12] אונטערערדישן רינג (ווי אַ גרויסער בייגל) 27 קילאָמעטער די לענג[13], אויף דער גרענעץ צווישן פֿראַנקרײַך און דער שווייץ לעבן גענף[14]. דעם 10טן סעפּטעמבער האָט די מאַשין אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דאָס הייסט : אינעם רינג האָט מען אַרײַנגעגאָסן פּראָטאָנען. די פּראָטאָנען פֿליִען זייער גיך אין איין ריכטונג. דאַן גיסט מען אַרײַן אַנדערע פּראָטאָנען וואָס פֿליִען אַנטקעגן יענע. מיט דער הילף פֿון גוואַלדיק שטאַרקע מאַגנעטן[15] וועלן די פּאַרטיקלען ביסלעכווײַז פֿליִען גיכער און גיכער, ביז דער גיכקייט פֿון ליכט. די מאַשין איז פֿינף מאָל אַזוי שטאַרק ווי דער „פֿערמילאַב“[16] אין שיקאַגאָ, ביז איצט דער שטאַרקסטער פּאַרטיקלען־פֿאַרגיכערער אויף דער וועלט.
וואָס איז דער תּכלית[17] ? די צוזאַמענשטויסן[18] פֿון די פּראָטאָנען וועלן שאַפֿן – אַזוי טראַכטן די וויסנשאַפֿטלער[19] – די זעלבע ענערגיע־באַדינגונגען ווי אין די ערשטע מאָמענטן פֿונעם אוניווערס, גלײַך נאָכן ביג בענג. נו, דער מענטש טראַכט...
בשעת[20] די צוזאַמענשטויסן וועט זיך אפֿשר[21] באַווײַזן דער באַרימטער מיסטעריעזער פּאַרטיקל וואָס מע רופֿט „היגס־באָזאָן“[22] – און וואָס מע האָט אים נאָך קיין מאָל ניט געזען. לויט די לעצטע פֿיזיק־טעאָריעס, וואָלט די עקסיסטענץ פֿון דעם דאָזיקן פּאַרטיקל דערקלערט די נאַטור פֿון אַנדערע פּאַרטיקלען. דער פּאַרטיקלען־פֿאַרגיכערער



וועט אפֿשר אויך העלפֿן באַשטעטיקן[23] אַזעלכע טעאָריעס ווי די עקסיסטענץ פֿון אַנדערע דימענסיעס אָדער די „סופּערסימעטריע“ : דאָס הייסט אַז ס'איז דאָ אין אוניווערס נישט נאָר די מאַטעריע, נאָר אויך אַן אַנטימאַטעריע וואָס ביז איצט קען מען זי נאָך נישט דערזען.
בשעת אָט די עקספּערימענטן וועט מען אויך קענען אָבסערווירן ווי עס שאַפֿן זיך קלייניקע „שוואַרצע לעכער“. עטלעכע ערנסטע און בכּבֿודיקע[24] וויסנשאַפֿטלער האָבן געוואָרנט[25] אַז טאָמער די שוואַרצע לעכער וועלן זיך פֿאַרגרעסערן, קענען זיי חלילה[26] אַלץ אײַנשלינגען[27].
דאַנקען גאָט – באַלד אין אָנהייב איז די מאַשין קאַליע געוואָרן[28], און מע וועט זי קענען פֿאַרריכטן[29] ערשט אין פֿרילינג. נאָר איין ריזיקער שוואַרצער לאָך האָט זיך דווקא[30] יאָ באַוויזן – נישט אין גענף נאָר אין ניו־יאָרק (אַ סוד[31] פֿון דער נאַטור !) און האָט כּמעט[32] אײַנגעשלונגען די פֿאַראײַניקטע שטאַטן און אייראָפּע און מיליאַסן[33] מיליאָנען דאָלאַרן און אייראָס. על־פּי נס[34] האָבן די רעגירונגען פּלוצלינג געפֿונען מיליאַסן מיליאָנען דאָלאַרן און אייראָס (אַ באַווײַז[35] אויף דער סופּערסימעטריע ?) כּדי אויסצופֿילן דעם שוואַרצן לאָך. היגס־באָזאָן, דאָלאַרן, אייראָס, אַנטימאַטעריע : דער אוניווערס איז אַ גרויסע מיסטעריע.

1. tashsa't l'année juive selon le calendrier traditionnel/Jewish year according to the traditional calendar 2. cette année/this year 3. sakones dangers 4. make plaie/plague 5. accélérateur de particules/particle accelerator 6. kede'y afin de/in order to 7. loi naturelle/natural law 8. baignoire/bathtub 9. simplement/simply 10. moyekh cerveau/brain 11. découvrir/discover 12. gigantesque/gigantic 13. de long/in length 14. Genève/Geneva 15. aimants/magnets 16. Fermilab 17. takhles but/purpose 18. collisions 19. scientifiques/scientists 20. besha's pendant/during 21. efsher peut-être/perhaps 22. boson de Higgs/Higgs boson 23. confirmer/confirm 24. beko'vedike respectés/respected 25. mis en garde/warned 26. kholile que Dieu nous en préserve/God forbid 27. engloutir/swallow up 28. tombé en panne/broke down 29. réparer/repair 30. dafke justement/indeed 31. sod secret 32. kima't presque/nearly 33. des tas/vast numbers 34. al-pi nes par miracle/by a miracle 35. preuve/proof.

אין דער ייִדישער קהילה[1] אין ווילנע[2] איז דעם זומער געווען אַ פֿאָטאָגראַפֿישע אויסשטעלונג[3] פֿון מעטשיס בראַזאַיטיס[4], אַ ליטווישער אַוויאַציע־קאַפּיטאַן וואָס האָט פֿאָטאָגראַפֿירט ווילנער ייִדן אין יאָר 1940, איין וואָך איידער די רויטע אַרמיי האָט צום צווייטן מאָל פֿאַרנומען די שטאָט. דבֿורה[5] קאַצאָוויטש פֿון בוענאָס־אײַרעס, וואָס איז דעם זומער געווען אין ווילנע אויפֿן זומער־פּראָגראַם, און וואָס איז אַליין אַ פֿאָטאָגראַפֿין, האָט אונדז צוגעשיקט די דאָזיקע קורצע דערציילונג.

# דער לעצטער זונטיק

## פֿון דבֿורה קאַצאָוויטש

דעם 9טן יוני 1940 האָט מעטשיס בראַזאַיטיס גענומען זײַן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט און זיך געלאָזט שפּאַצירן צווישן די ענגע גאַסן פֿון דער ייִדישער געגנט פֿון ווילנע. עס איז אַ זומערטאָג און דער זונטיק־מאַרק האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַוועגן. הײַנט איז ער פֿרײַ. הײַנט דאַרף ער נישט פֿליִען איבער דעם אומזיכערן גרענעץ[6] צווישן ליטע און ראַטן־פֿאַרבאַנד[7]. וואָס ער האָט פֿאָטאָגראַפֿירט דאָרטן, קענען מיר נישט וויסן, דאָס איז אַ סוד[8]. אָבער מע קען זען אויף זײַן פּנים[9] צווייפֿל[10] און זאָרג. ניין, נישט הײַנט. הײַנט וועט ער אויספּרוּוון זײַן נײַעם פֿאָטאָ־אַפּאַראַט „עקזאַקטאַ“[11] מיט די לעצטע דײַטשישע חידושים[12]. עס איז אַ רעפֿלעקס, דאָס הייסט אַז אַ שפּיגל שפּיגלט אָפּ צוריק די סצענע און מע קען אַזוי זען ווי דאָס בילד וועט אויסזען. אָבער גראָד[13] אין דעם מאָמענט פֿון דעם „שאָס“ פֿאַרשטעלט אַ מעטאַליש פֿאָרהענגל[14] די ראיה[15] און דערפֿאַר קענען מיר נישט זען וואָס עס וועט אַרויסקומען פֿון דאַנען... אַ „שאָס“ אין דער פֿינצטער. אויפֿן מאַרק האָבן שוין לאַנג זיך אָנגעזאַמלט די פֿאַרקויפֿערס : קצבֿים[16], גרינסן[17]־הענדלערס, מילכיקער, ליכט־ און בלומען־פֿאַרקויפֿערס, שוסטערס און שנײַדערס קריגן זיך פֿאַר אַן אָרט אויף דער ברייטער גאַס. בראַזאַיטיס זוכט אַ העכערן פּלאַץ צו כאַפּן דאָס בילד פֿון אַן אַנדער פּערספּעקטיוו. פֿון דער הייך זעען אַלע אויס אַזוי קליין, בלויז קעפּעלעך. ווען ער גייט אַראָפּ, מישט ער זיך אַרײַן אינעם רעש[18]. די מענטשן שמועסן, עטלעכע שטילערהייט, אַנדערע אויף אַ קול[19]. וואָס וועט זײַן דאָ ? צי וועלן די סאָוועטן קומען, צי די פּאָליאַקן ווידער אַ מאָל ? אָדער זײַנען די דײַטשן די אמתע[20] שטראָף ? ער קען נישט פֿאַרשטיין זייער שפּראַך, אָבער ער דערקענט אַ קוק פֿול מיט זאָרג. ער ווייס שוין דאָס וואָס די אַנדערע ווייסן נישט. אין אַ וואָך אַרום וועט קומען דער ענטפֿער ווי אַ מכּה[21]. עמעצער אויף יענער זײַט האָט שוין באַשטימט זייער גורל[22]. בראַזאַיטיס דרייט זיך אַרום איבער די גאַסן. אַ יונגע פֿרוי זיצט אויף דער גאַס, גיט אַ קוק אויף דעם פֿאָטאָגראַף און שמייכלט. אַ ליכטיקער שמייכל. אַ שעמעוודיקער שמייכל. זי קען אים נישט. זי ווייס נישט ווער ער איז. זי קען נישט וויסן אַז ער איז אַ פּילאָט, אַ קאַפּיטאַן פֿון דער ליטווישער אַרמיי. פֿאַר



**אַ בילד פֿון מעטשיס בראַזאַיטיס**

איר איז ער שיין און ער „שיסט“ און עס ווערט זוניק אומעטום. אויף אַ שטילער און ענגער גאַס שטייט ער און וואַרט. דאָס ליכט פּראָיעקטירט געאָמעטרישע שאָטנס אויף דעם הויף. ער וואַרט ווי זײַן שטייגער איז[23] – עפּעס וועט שוין געשען. איצט דאַרף ער זיך נאָך אַ מאָל נעמען קאַלקולירן, מעסטן דאָס ליכט, די דיסטאַנץ, די גיכקייט. מיט אַ מאָל באַווײַזט זיך אַ שנײַדערקע מיט אַ מאַנעקען אונטער דעם רעכטן אָרעם. זי האָט עפּעס פֿאַרלוירן, עפּעס פֿאַרגעסן. זי דרייט זיך אויס און מיט איר דער מאַנעקען ווי אַ טויטע ווענוס, שנײַדט דורך די ווערטיקאַלע ליניעס פֿון דער פֿאַרמאַכטער טיר. ער פֿאַרהאַלט דעם אָטעם און „שיסט“. זי הערט אַ קליק, דערשרעקט זיך, אפֿשר[24] זײַנען זיי שוין דאָ, זי וויל אַנטלויפֿן, אָבער עס איז נישטאָ ווּ צו אַנטלויפֿן. אַן אַלטער רבֿ[25] ליגט אויף אַ מויערל[26] און לייענט אַ ספֿר[27]. אַ שיינער זונשטראַל באַלײַכט זײַן פּנים. עס איז פֿינצטער אויף דער וואַנט אַנטקעגן. ער באַמערקט דעם קאָנטראַסט, רעכנט גיך אויס זײַן פֿאָטאָגראַפֿישע גמטריא[28] און „שיסט“. דער קאָנטראַסט איז שאַרף, די קאָמפּאָזיציע – אַ קלאַסישע. ביידע ווייסן נישט אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט דאָס ליכטיקע בוך אַרײַנגיין אין דער פֿינצטערער זײַט פֿונעם בילד.

די קצבֿים פֿון דער יאַטקעווער[29]־גאַס האָבן שוין פֿאַרענדיקט זייער אַרבעט. זיי שטייען בײַ דער טיר פֿון דער קראָם, שמוציקע

1. KEHILE communauté juive/Jewish community 2. Vilnius (capitale de Lituanie/capital of Lithuania) 3. exposition/exhibition 4. Mecys Brazaitis (1903–1952) 5. DVOYRE 6. frontière/border 7. Union soviétique/Soviet Union 8. SOD secret 9. PONEM visage/face 10. doute/doubt 11. "Exacta" 12. KHIDUSHIM innovations 13. justement/just 14. volet/shutter 15. RIE vue/sight 16. KATSOVIM bouchers/butchers 17. légumes/vegetables 18. RASH vacarme/tumult 19. ... KOL à voix haute/out loud 20. E'MESE véritable/real 21. MAKE fléau/scourge 22. GOYRL destin/fate 23. comme à son habitude/as is his custom 24. EFSHER peut-être/perhaps 25. ROVM rabbin/rabbi 26. muret/little wall 27. SEYFER livre religieux/religious book 28. GEMATRIE *ici* calcul sophistiqué/*here* complex calculations 29. rue des boucheries/butchers'





אַ בילד פֿון מעטשיס בראַזאַיטיס

פֿאַרטעכער[30] און אויסגעניצטע שטיוול[31]. מע קען שפּירן פֿון זייערע הענט אַ ווילדן ריח[32]. דער פֿאָטאָגראַף פּילט זיך אומרויִק און פּרוּווט שמועסן מיט זיי. אָבער זיי רעדן נישט קיין ליטוויש און ער פֿאַרשטייט נישט די „יודען־שפּראַך“. אַ שטומע פֿראַגע גייט אַרויס פֿון זײַנע הענט. ער דאַרף זייער דערלויבעניש צו פֿאָטאָגראַפֿירן. און עס קוקט אַרויס פֿון זייערע אויגן דער שטאָלץ פֿון מענער וואָס קענען באַשליסן צווישן לעבן און טויט. זיי קענען נישט וויסן אַז אין אַ נאָענטער צוקונפֿט וועלן אַנדערע פֿרעמדע אויגן קוקן אויף זיי מיט דעם זעלבן קאַלטבלוטיקן בליק.

עס איז שוין מיטאָג און די זון איז הויך. דאָס ליכט איז גלאַט און עס איז נישט כּדאַי[33] צו פֿאַרניצן דאָס טײַערע צעלולאָיִד. ער זעצט זיך אַוועק בײַ אַ טישל פֿון אַ קאַפֿע, באַשטעלט ברויט און קעז מיט אַן אָפּגעקילט פֿלעשל ווײַן. אויפֿן טיש אָן אַ טישטעך לייגט ער אויס די פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן. אַלץ האָט זיך אַזוי געביטן אין אַ קורצער צײַט. ער האָט זיך דערמאָנט זײַן פֿרייד ווען אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר האָט ווילנע זיך באַפֿרײַט פֿון דער פּוילישער אָקופּאַציע. אַ קנאַפּ יאָר[34] צײַט האָט זײַן זינען זיך אָנגעפֿילט מיט חלומות[35] פֿון פֿרײַהייט, פֿון שטאַרק נאַציאָנאַליסטישע ליטווישע האָפֿענונגען. ער האָט פֿאַרביטן זײַן נאָמען אויף אַ מער טראַדיציאָנעלן בראַזאַיטיס.

צוליב דעם ווײַן איז אים געקומען אין זינען אַ מרה־שחורהדיקער[36] געדאַנק. דער חלום וועט זיך שוין ענדיקן, דאָס איז דער לעצטער זונטיק, דער לעצטער פֿרישער און זוניקער זונטיק. ליטע וועט פֿאַלן נאָך אַ מאָל און זיך אַפֿילו[37] נישט שלאָגן, נישט פֿאַרטיידיקן[38] זיך. אין אַ ווײַטן רעסטאָראַן האָבן צוויי שׂונאים[39] אויף אַ שמוציקער סערוועטקע באַשטימט דאָס מזל[40] פֿון מיליאָנען מענטשן. ביידע זײַטן פֿון דער זעלביקער מטבע[41].



די שטיבער זעען אויס אויכעט מעלאַנכאָלישער. עס איז הייס און ייִדן באַהאַלטן זיך אינעווייניק הינטער פֿאַרמאַכטע פֿענצטער. זיי ווייסן נישט אַז נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן טויערן און פֿאַרמאַכטע פֿענצטער זיי נישט אָפּהיטן, נישט פֿון קעלט, נישט פֿון היץ.

ער האָט דאָס שוין פֿאַרשטאַנען, אַז יעדער שטראַל פֿון זון פֿון דעם דאָזיקן טאָג איז טײַער, זייער טײַער. ער מוז זיי כאַפּן, זיי אָפּהיטן אינעווייניק, אויף דעם זעלביקן פֿילם.

איצט גייט ער אומרויִק, ער „שיסט“ מיט כּעס[42] ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער[43] פּאַרטיזאַן. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער בײַטן זײַן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט אויף אַן אמת שיסגעווער[44], אין אַ פֿאַרקערטער נבֿואה[45].

דער פֿילם וועט ליגן באַהאַלטן אין זײַן שוועסטערס שאַפֿע עטלעכע יאָרן, נישט אַנטוויקלט[46], ווי אַ בלינדער עדות[47], ווי אַ שומר[48] פֿון אַן אומבאַקאַנטן אוצר[49].

street 30. tabliers/aprons 31. bottes/boots 32. REYEKh odeur/smell 33. … KEDA'Y pas la peine/no need 34. à peine un an/barely a year 35. KhALOYMES rêves/dreams, *sing.* KhOLEM חלום 36. MORE-ShKhO'YREDIKER mélancolique/melancholy 37. AFILE même/even 38. se défendre/defend itself 39. SONIM ennemis/enemies, *sing.* SOYNE שׂונא 40. MAZL sort/lot, fate 41. MATBEYE pièce de monnaie/coin 42. KAS colère/anger 43. perdu/lost 44. fusil/gun 45. … NEVUE prophétie inversée (allusion à la prophétie biblique, Isaïe 2:4)/reverse prophecy (allusion to the biblical prophecy, Isaiah 2:4) 46. développé/developed 47. EYDES témoin/witness 48. ShOYMER gardien/guard 49. OYTSER trésor/treasure.

שוין צען יאָר אַז עס קומט פֿאָר אין ווילנע[1] אַ זומער־פּראָגראַם פֿון ייִדיש אָרגאַניזירט דורך דעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט[2]. אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע[3], אַ סטודענטקע פֿונעם פּראָגראַם, וואָס וווינט אין ווילנע, האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער ביבליאָטעקאַרין פֿון אינסטיטוט, אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט פֿון דער ווילנער ייִדישער קהילה[4].

# דער לעבעדיקער זכּרון[5] פֿון ווילנע

## פֿון אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע



**פֿאַניע בראַנצאָווסקי (אויפֿן ערשטן פּלאַן) פֿירט אָן מיט אַ שפּאַציר איבער דעם ייִדישן ווילנע**

ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן[6] דעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט אָן זײַן כאַריזמאַטישער ביבליאָטעקאַרין פֿאַניע בראַנצאָווסקי[7]. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1922 אין קאָוונע[8], אין אַ ייִדיש־רעדנדיקער משפּחה[9], וואָס איז באַלד אַריבערגעפֿאָרן אין ווילנע, וווּ פֿאַניע וווינט ביז הײַנט צו טאָג. פֿאַניעס טאַטע, בנימין[10] יאָכעלעס, איז געווען אַן אינסטרוקטאָר אין אַ טעכנישער שול פֿון „אָרט[11]“ און אויך געהאַט אַן עלעקטריש־מעכאַנישן וואַרשטאַט[12] אויף זאַוואַלנע גאַס.

פֿאַניע איז געווען אַ שילערין פֿון באַקאַנטע ווילנער ייִדישע בילדונג־אינסטיטוציעס – פֿון דער סאָפֿיע גורעוויטש־שול און שפּעטער פֿון רעאַל־גימנאַזיע, וועלכע זי האָט געענדיקט אין 1939. פֿאַניע דערציילט : „מיר האָבן אַלץ געלערנט אין ייִדיש, מאַטעמאַטיק, פֿיזיק, כעמיע, געאָגראַפֿיע, געשיכטע... און מיר האָבן די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור אויך געלייענט אויף ייִדיש, ווײַל ס'זײַנען געווען איבערזעצונגען. טאָלסטוי אין ייִדיש, ראָמען ראָלאַן אין ייִדיש, שעקספּיר אין ייִדיש...“. נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה[13]... אין 1941, באַלד נאָך דעם ווי די דײַטשישע אַרמיי האָט אָקופּירט ווילנע, זײַנען פֿאַניע מיט איר שוועסטער ריוועלע און זייערע עלטערן פֿאַרשפּאַרט[14] געוואָרן אין ווילנער געטאָ. „איך בין געווען פֿון ערשטן ביזן לעצטן טאָג אין ווילנער געטאָ... די ערשטע צײַט האָב איך געאַרבעט אויסערן געטאָ, פֿאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעטן[15], און שפּעטער אין אַ וואַרשטאַט אין געטאָ“. פֿאַניע געדענקט מיט וואַרעמקייט דאָס קולטורעלע לעבן אין געטאָ, ספּעציעל די געטאָ־ביבליאָטעק, און אויך די באַציִונגען צווישן מענטשן, וועלכע האָבן געפּרוווט צו העלפֿן איינע די אַנדערע : „מיר האָבן אין שרעקלעכע באַדינגונגען[16] די מענטשלעכקייט ניט פֿאַרלאָרן“.

אין געטאָ האָט פֿאַניע זיך פֿאַרבונדן מיט דער פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע (פֿ.פּ.אָ.) און דעם 23סטן סעפּטעמבער 1943 איז זי אַנטלאָפֿן צו די פּאַרטיזאַנער אין וועלדער אַרום ווילנע. „מיט אַ חבֿרטע[17] זײַנען מיר אַרויסגעגאַנגען דורך אַ טויערל אין יאַטקעווער גאַס[18]. מיר האָבן געזען פֿון ווײַטן אַז בײַם טויער פֿון געטאָ זײַנען געקומען לאַסטאויטאָס[19]...“. ערשט נאָך אַ פּאָר טעג, שוין בײַ די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי זיך דערוווּסט אַז דאָס איז געווען דער טאָג פֿון דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ. איר משפּחה האָט פֿאַניע מער קיין מאָל ניט געזען : „דעם פֿאָטער האָט מען אַרויסגעפֿירט אין אַ לאַגער[20] אין עסטלאַנד[21] און די מוטער לעבן ריגע[22]... די שוועסטער איז אין שטוטהאָף אומגעקומען[23]...“. די צײַט ביזן סוף[24] פֿון דער מלחמה האָט פֿאַניע פֿאַרבראַכט ווי אַ פּאַרטיזאַן אין וואַלד. דאָרטן האָט זי זיך אויך געטראָפֿן מיט איר מאַן.

נאָך דער מלחמה איז פֿאַניע צוריקגעקומען אין ווילנע און האָט ביז דער פּענסיאָנירונג[25] געאַרבעט אין אַ סטאַטיסטיק־אָפּטייל. אין 1988 האָט זי געהאָלפֿן צו שאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציע פֿון געוועזענע געפֿאַנגענע[26] פֿון געטאָ און לאַגערן. אָבער די גרעסטע פֿרייד איז איר איצט די אַרבעט אין ווילנער ייִדישן אינסטיטוט ווי אַ ביבליאָטעקאַרין און אַן אָנפֿירער פֿון עקסקורסיעס : „איך בין זייער צופֿרידן אַז איך האָב די מעגלעכקייט צו דערציילן וועגן פֿאַרמלחמהדיקן[27] ווילנע. מיר איז ניט שווער, למשל[28], צו פֿאָרן אין פּאָנאַר[29], איך טו דאָס פֿאַר די וואָס קענען זיך ניט אויפֿשטעלן און קענען ניט דערציילן... כּל־זמן[30] מײַנע פֿיס טראָגן מיך, וועל איך עס טאָן...“.

**איינע פֿון די זעמליאַנקעס (ערדשטיבלעך) וווּ עס האָבן זיך באַהאַלטן ייִדישע פּאַרטיזאַנער בשעת דער מלחמה**



1. Vilnius (Lituanie/Lithuania) 2. Vilnius Yiddish Institute, www.judaicvilnius.com 3. Akvile Grigoraviciute 4. KEHILE communauté/community 5. ZIKORN mémoire/memory 6. imaginer/to imagine 7. Fania Brantsovsky 8. Kaunas 9. MISHPOKHE famille/family 10. BINYOMIN 11. O.R.T. 12. atelier/workshop 13. MILKHOME guerre/war 14. enfermés/confined 15. travail physique/manual labor 16. conditions 17. KHA'VERTE amie/girlfriend 18. rue des boucheries/Butchers' street 19. camions/trucks 20. camp de concentration/concentration camp 21. Estonie/Estonia 22. Riga (Lettonie/Latvia) 23. péri/perished 24. SOF fin/end 25. retraite/retirement 26. anciens prisoniers/former prisoners 27. FARMILKHO'MEDIKN d'avant-guerre/pre-war 28. LEMOSHL par exemple/for example 29. Ponar, lieu d'execution de masse/site of mass executions 30. KOL-ZMAN aussi longtemps que/as long as.

אַ תּלמיד[1] פֿון די ייִדיש־קורסן אין פּאַריזער
ייִדיש־צענטער האָט אונדז צוגעשיקט אַ ליד.

## גאַמעס[2] און גראַמען[3]
### פֿון אַלאַן שפּילפֿויגל

ס׳פֿעלט[4] מיר אַ וואָרט
ס׳פֿעלט מיר אַן אָרט
ס׳פֿעלט מיר אַ וואָרט וואָס צו רעדן
ס׳פֿעלט מיר אַן אָרט ווו צו וווינען
ס׳פֿעלט מיר אַ וואָרט מיט וועלכן כ׳וואָלט אײַך דערקלערט
אַלעס וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט[5]
ס׳פֿעלט מיר אַן אָרט פֿון וואַנעט[6] מיר וואָלטן אויפֿן באַרג געקלעטערט[7]
ס׳פֿעלט מיר אַ וואָרט אַ פּשוטס[8] מיט וועלכן כ׳וואָלט באַשריבן
אַ נײַע לאַנדשאַפֿט[9]
ס׳פֿעלט מיר אַן אָרט ווו די ווערטער זענען קיין מאָל נישט נייטיק
ס׳פֿעלט מיר אַ וואָרט ווו צו וווינען אַ גאַנץ לעבן
ס׳פֿעלט מיר אַן אָרט ווו צו בלײַבן
ס׳פֿעלט מיר אַ וואָרט צו דערקלערן.


אַלאַן שפּילפֿויגל

1. TALMID étudiant/student 2. gammes/scales (musical) 3. rimes/rhymes 4. il me manque/I'm lacking 5. GEKHOLEMT j'ai rêvé/I dreamt 6. d'où/from where (variant de/of פֿון וואַנען) 7. escaladé/climbed 8. POSHETS simple 9. paysage/landscape.

אין דײַטשישן פֿאַרלאַג האַראַסאָוויץ[1] איז לעצטנס דערשינען אַ בוך פֿון סאַבינע בעליך וועגן די מיסטישע טראַדיציעס אין אַ דערציילונג פֿון דעם נסתּר[2].

# אַ נײַ בוך וועגן דעם נסתּר

„דער נסתּר“ איז דער פּסעוודאָנים פֿון פּינחס[3] קאַהאַנאָוויטש. ער איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו אין 1884. מען זאָגט אַז דעם פּסעוודאָנים האָט ער אָנגענומען, ווײַל ער האָט זיך אַ פּאָר יאָר באַהאַלטן פֿאַרן מיליטער־דינסט. ווי עס זאָל ניט זײַן, פּאַסט זײַן פּסעוודאָנים זייער גוט צו זײַן סטיל שרײַבן : עניגמאַטיש, פֿאַרוויקלט און פֿאַרנעפּלט[4]. ער איז דער גרעסטער סימבאָליסטישער שרײַבער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ביזן סוף פֿון די יאָרן 1920 האָט ער געשריבן דער עיקר[5] סימבאָליסטישע דערציילונגען. ער האָט זיי אַרויסגעגעבן אין צוויי בענד אונטערן טיטל *געדאַכט* (בערלין 1922-1923) און פֿאַרשיידענע אַלמאַנאַכן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער פֿאַרברענגט אַ פּאָר יאָר אין בערלין, צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע ייִדישע שרײַבער, ווי דוד[6] בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ, פּרץ[7] מאַרקיש צי דוד האָפֿשטיין. אַ צײַט לאַנג האָט ער געאַרבעט אין האַמבורגער פּאָרט צו פֿאַרדינען אויפֿן לעבן. נאָך אַ פּאָר יאָר האָט ער זיך אומגעקערט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[8]. אין די יאָרן 1930 דאָרטן האָט ער שוין ניט געקענט אַרויסגעבן קיין סימבאָליסטישע ווערק און האָט זיך דער עיקר פֿאַרנומען מיט איבערזעצונגען און טעכנישע אַרבעטן. איינס פֿון זײַנע באַקאַנטסטע ווערק איז אַ רעאַליסטישער ראָמאַן *די משפּחה מאַשבער*. צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע שרײַבער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט מען אים אַרעסטירט אין 1948. ער איז געשטאָרבן אין אַ תּפֿיסה[9]־שפּיטאָל אין 1950.

אין איר בוך מאַכט סאַבינע בעליך אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז פֿון דער דערציילונג „נײַ־גײַסט“ וואָס איז דערשינען אין 1923 אין בערלין, אינעם אַלמאַנאַך *גײענדיק*. די מחברטע[10] באַטראַכט די תּנכישע[11], קבלישע[12] און חסידישע[13] מאָטיוון וואָס מע קען געפֿינען אין דעם טעקסט. זי באַהאַנדלט אויך די פֿראַגע פֿון באַציִונגען צווישן דעם נסתּרס ווערק, די דײַטשישע ראָמאַנטיקער און דעם רוסישן סימבאָליזם.
אין דעם בוך קען מען אויך געפֿינען אַ פֿאַקסימילע פֿון דער דערציילונג „נײַ־גײַסט“ אין ייִדישן אָריגינאַל, ווי אויך אַן איבערזעצונג אויף דײַטש.
דאָס בוך איז דער 18טער באַנד וואָס דער פֿאַרלאַג האַראַסאָוויץ האָט ארויסגעגעבן פֿון אַ סעריע שטודיעס וועגן ייִדישער געשיכטע, רעליגיע און ליטעראַטור, אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פּראָפֿעסאָר קאַרל עריך גרעצינגער.



1. éditions Harrassowitz 2. ... NISTER (1884-1950) 3. PINKHES 4. nébuleux/??? 5. ... IKER surtout/mainly 6. DOVID 7. PERETS 8. Union soviétique/Soviet Union 9. TFISE prison 10. MEKHA'BERTE auteur (fém.)/author (fem.) 11. TANA'KHISHE bibliques/biblical 12. KABO'LISHE cabbalistiques/cabalistic 13. KHSI'DISHE hassidiques/hassidic.

אין זומער 2008 האָט דאָס רײַזע־ביוראָ „וואַליזקע“[1] אָרגאַניזירט צוויי נסיעות[2] איבער גאַליציע[3] און בוקאָווינע[4], וואָס האָבן אַ מאָל געהערט צו דער עסטרײַכישער אימפּעריע און געפֿינען זיך הײַנט אין פּוילן און אוקרײַנע. „וואַליזקע“ ספּעציאַליזירט זיך אין רײַזעס אַרום דער ייִדישער וועלט. אַחוץ[5] פּוילן און אוקרײַנע האָבן זיי שוין באַזוכט שפּאַניע, אַרגענטינע און טערקײַ און באַלד וועלן זיי אויך צוגעבן עלזאַס[6] און ישׂראל[7]. איינע פֿון די באַטייליקטע[8] אין דער רײַזע אין גאַליציע, רובי מאָנעט, האָט דאָ איבערגעגעבן אירע אײַנדרוקן.

# זען קראָקע מיט לעמבערג[9]

## אַ רײַזע איבער גאַליציע און בוקאָווינע

פֿון רובי מאָנעט




ווי קומט אַ ליטוואַטשקע[10] ווי איך צו פֿאָרן אין גאַליציע ? אַן אמתע[11] ליטוואַטשקע, וואָס די באָבע האָט געזאָגט „קייפֿן ברייט“[12] און דער זיידע פֿלעגט אויסלאַכן די גאַליציאַנער[13] וואָס פֿאַר „הינטער“ זאָגן זיי „אינטער“[14] און פֿאַר „אונטער“ זאָגן זיי אויך „אינטער“ – אַ סימן[15] אַז זיי ווייסן אַליין ניט וואָס זיי זאָגן ! טאָ[16] פֿאַר וואָס בין איך טאַקע געפֿאָרן אין גאַליציע ? ערשטנס, ווײַל איך בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אין מיזרח[17]־אייראָפּע. צווייטנס, צוליב דעם אינטערעסאַנטן מאַרשרוט[18], מיט פּרעכטיקע[19] שטעט ווי קראָקע, לעמבערג, טשערנאָוויץ, און קלענערע שטעטלעך ווי סטרי און באָלעכאָוו (גוט באַקאַנט די אַלע וואָס האָבן געלייענט דאָס בוך פֿון דניאל מענדעלסאָן, די פֿאַרלאָרענע[20]). דער עיקר[21] אָבער האָב איך געוואָלט פֿאָרן מיט אַנדרע קאָסמיצקי, דעם אָנפֿירער פֿון דעם רײַזע־ביוראָ „וואַליזקע“, וואָס זײַנע פֿריִערדיקע רײַזעס האָבן געהאַט אַזאַ דערפֿאָלג[22].

ווי אַלע רײַזעס אינעם אַמאָליקן ייִדישלאַנד איז די נסיעה אויך געווען אַן אָנגעווייטיקטע[23] – די שפּורן[24] פֿונעם חורבן[25] געפֿינט מען דאָרטן אומעטום. מיר אַלע באַטייליקטע ווייסן מער וועגן די ייִדישע שטעטלעך פֿון נעכטן ווי וועגן דעם הײַנטיקן לעבן אין פּוילן און אוקרײַנע. אָבער אָט די רײַזע, כאָטש[26] מיר האָבן געזען אַ סך דענקמעלער[27], אַלטע שולן[28] און בית־עולמס[29], איז געווען אָריענטירט אויפֿן הײַנט. מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט מענטשן אויפֿן אָרט – ייִדן, פּאָליאַקן און אוקרײַנער – וואָס ווילן אַז דאָס ייִדישע לעבן זאָל, אַפֿילו[30] אין אַ קלענער מאָס[31], נאָך אַ מאָל אויפֿלעבן, און אַז די לאַנגע געשיכטע פֿון ייִדן איןביידע לענדער זאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן.

פֿאַר מיר זענען די הויכפּונקטן געווען טשערנאָוויץ, ווו מיר האָבן באַזוכט דעם זאַל ווו ס'איז פֿאָרגעקומען אין 1908 די ייִדישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ (וואָס פֿײַערט הײַיאָר דעם הונדערטסטן יאָרטאָג) און געזען דעם קבֿר[32] פֿון דעם שרײַבער אליעזר שטיינבאַרג[33], ווו איינע פֿון אונדזער גרופּע (לידיאַ) האָט רעציטירט זײַן משל[34] „דער קוש“ ; אַן אַנדער וויכטיקער מאָמענט איז געווען דער ייִדישער פֿעסטיוואַל אין קראָקע, וואָס קומט פֿאָר אַלע זומער, שוין 13 יאָר,

[סוף זײַט 8]

1. Valiske, www.valiske.com 2. NESIES voyages/trips, tours 3. Galicie/Galicia 4. Bucovine/Bukovina 5. AKhU'TS à part/aside from 6. Alsace 7. YISROEL 8. participants 9. Cracovie … Lemberg (aujourd'hui Lviv) ; allusion à l'expression yiddish équivalent à "voir 36 chandelles"/Cracow … Lemberg (today Lviv) ; allusion to the Yiddish expression meaning "to see stars" 10. Litvak (fem.), Juive d'origine lituanienne/fem. of Litvak, Jewish woman from Lithuania 11. E'MESE véritable/genuine 12. *prononciation litvak de* קויפֿן ברויט/ *Litvak pronunciation of* קויפֿן ברויט 13. Juifs de Galicie/Jews from Galicia 14. *prononciation galicienne à la fois de* אונטער *et de* הינטער/ *Galician pronunciation both of* אונטער *and* הינטער 15. SIMEN la preuve/a sign 16. alors/so 17. MIZREKh oriental/eastern 18. itinéraire/ itinerary 19. magnifiques/splendid 20. Daniel Mendelsohn, *Les Disparus/The Lost* 21. … IKER surtout/mainly 22. succès/success 23. douloureux/painful 24. traces 25. KHURBM Shoah 26. bien que/although 27. monuments, *sing.* דענקמאָל 28. synagogues 29. BEYS-OYLEMS cimetières/cemeteries 30. AFILE même/even 31. mesure/to a small extent 32. KEYVER tombe/tomb 33. ELYEZER Shteynbarg (1880-1932) 34. MOShL fable

אַלכּסנדר[1] קאַפּלאַן, וואָס לערנט זיך ייִדיש אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער, האָט אָנגעשריבן אַ באַריכט[2] וועגן „רעוניאָן 68“[3], אַ צוזאַמענפֿאָר[4] וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם זומער אין אַשקלון[5].

# „רעוניאָן 68“

## פֿון אַלכּסנדר קאַפּלאַן

**פֿאַר וואָס טרעפֿן מיר זיך אין אַשקלון ? אין 1968 זענען מיר אַוועק פֿון פּוילן. מיר האָבן איבערגעלאָזט אַלץ : אונדזער אַרבעט, דאָס אָרט וווּ מיר האָבן געוווינט... נאָר מיר האָבן ניט פֿאַרגעסן אונדזערע חבֿרים[6]. מיר זײַנען זיך צעפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע לענדער, אָבער אַלע דרײַ יאָר טרעפֿן מיר זיך אין ישׂראל[7], אין אַשקלון, אויף אַ צוזאַמענפֿאָר, „רעוניאָן 68“.**



נאָך דער זעקס־טעגיקער מלחמה[8] אין ישׂראל אין 1967 איז די באַציִונג[9] צו ייִדן אין פּוילן (ווי אויך אין אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער) געוואָרן פֿײַנטלעך[10]. דערצו האָט אין פּוילן אין מאַרץ 1968 געבלאָזן אַ ווינט פֿון פּראָטעסט קעגן דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד[11] און דער קאָמוניסטישער רעגירונג. עס זענען פֿאָרגעקומען סטודענטישע מאַניפֿעסטאַציעס. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן רעפּרעסיעס קעגן די סטודענטן בכלל[12] און קעגן די ייִדישע סטודענטן בפֿרט[13]. מע האָט זיי געהאַלטן פֿאַר[14] די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון די מאַניפֿעסטאַציעס און די רעגירונג האָט זיי גענייט[15] צו עמיגרירן. אַן ערך[16] 90 פּראָצענט ייִדן זענען דעמאָלט אַוועק פֿון פּוילן (עפּעס ווי 30000 מענטשן). אַ סך לענדער האָבן אויפֿגענומען[17] די ייִדישע עמיגראַנטן : דער עיקר[18] שוועדן, דענמאַרק, ישׂראל, קאַנאַדע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן[19]. אין 1988 האָט אַ גרופּע עמיגראַנטן אָרגאַניזירט אַ צוזאַמענטרעף וואָס זיי האָבן אָנגערופֿן „רעוניאָן 68“. די ערשטע טרעפֿונג איז פֿאָרגעקומען אין אַשקלון. דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער לעצטנס פֿאַרשטאָרבענער מיכאַל פּאָנטשעק[20]. דעמאָלט האָט מען אויך געגרינדט אַ סעמעסטריעלע צײַטשריפֿט „רעוניאָן 68“. זינט דעמאָלט קומט דער צוזאַמענטרעף פֿאָר אַלע דרײַ־פֿיר יאָר. אין מײַ 2008 איז פֿאָרגעקומען דער זעקסטער „רעוניאָן“. עס האָבן אין אים אָנטייל גענומען[21] אַ טויזנט מענטשן. פֿון איין זײַט איז דאָס אַ המשך[22] פֿון דער פּוילישער ייִדישער קולטור, און פֿון דער צווייטער זײַט איז עס איר סוף[23]. די באַטייליקטע[24] רעדן צווישן זיך דער עיקר אויף פּויליש, נאָר זינגען זינגט מען אויף ייִדיש. מע דאַרף זאָגן, אַז אַ סך פֿון די באַטייליקטע רעדן יאָ ייִדיש, ווײַל זיי זענען געגאַנגען אין ייִדיש־שולן אין לאָדזש, וראָצלאַוו[25], דזשיערזשאָניוּוו (נידערשלעזיען)[26] און אַנדערע שטעט, וואָס האָבן עקזיסטירט ביז 1968. וואָס זינגען מיר ? נו, אַוודאי[27] „זאָג ניט קיין מאָל“, אויך אַ סך לידער וועלכע מע פֿלעגט זינגען אין די ייִדישע שולן אין פּוילן, ווי צום בײַשפּיל „אַרום דעם פֿײַער“ אָדער אַ ליד פֿון די זומער־קאָלאָניעס, „קאָלאָניסטן זײַנען מיר“. אויך לידער געזונגענע דורך די באַרימטע אַמעריקאַנער „בערי סיסטערס“[28], ווי „בײַ מיר ביסטו שיין“. מע זינגט אויך אַ סך רוסישע לידער, ווײַל אַ סך פֿון די מענטשן זענען געווען רעפּאַטריאַנטן[29] פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס זענען צוריק אין פּוילן ערשט אין די יאָרן 1946-1959. די אַלע מענטשן האָבן בשותּפֿות[30] די ייִדישע קולטור און שפּראַך. זיי זענען אַלע קינדער פֿון פּליטים[31] פֿונעם חורבן[32] און זענען גאָר שטאַרק פֿאַרבונדן צווישן זיך. די אָנטייל־נעמער זענען געקומען פֿון אַלע עקן וועלט : וואַנקוּווער, מעלבורן, שטאָקהאָלם, פּאַריז, בריסל, לאָס־אַנדזשעלעס... אויף דעם צוזאַמענטרעף זענען אויך געקומען עטלעכע ייִדן וואָס זענען געבליבן אין פּוילן נאָך 1968. צווישן זיי איז דאָ די זינגערין און אַקטריסע פֿון דעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער[33] אין וואַרשע, גאָלדע טענצער וואָס איז אויך די גרינדערין פֿון דער שלום־פֿונדאַציע[34]. אַגבֿ[35], די שלום־פֿונדאַציע אָרגאַניזירט יעדעס יאָר זומער־קורסן אין ייִדיש אין אַ שטעטל הינטער[36] וואַרשע, שרודבאָרוּוו[37].

אין אַשקלון זענען מיר פֿאַרבליבן צוזאַמען אַ גאַנצע וואָך. מיר האָבן באַזוכט אַנדערע שטעט, געגאַנגען אויף ייִדישע קאָנצערטן, געטאַנצט און געזונגען. עס איז גוט צו זײַן צוזאַמען !



1. ALEKSANDER 2. rapport/report 3. "Réunion 68" 4. réunion 5. ASHKELON (Israël) 6. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* KHAVER חבֿר 7. YISROEL 8. MILKHOME guerre/war 9. attitude 10. hostile 11. Union soviétique/Soviet Union 12. BEKHLA'L en général/in general 13. BIFRA'T en particulier/in particular 14. considéré/considered 15. obligé/forced 16. ... EREKH environ/about 17. accueilli/took in 18. ... IKER surtout/especially 19. États-Unis/United States 20. Michal Ponczek 21. participé/took part 22. HEMSHEKH continuation 23. SOF fin/end 24. participants 25. Wroclaw 26. Dzierzoniow (Basse Silésie/Lower Silesia) 27. AVADE bien sûr/of course 28. Barry Sisters 29. rapatriés/repatriates 30. BESHUTFES en commun/in common 31. PLEYTIM réfugiés/refugees, *sing.* פּליט POLET 32. KHURBM Shoah 33. MELUKHE-... théâtre d'État/State Theater 34. SHOLEM-... Fondation Shalom/Shalom Foundation 35. AGEV à propos/by the way 36. pas loin de/outside of 37. Srodborow.



**אוקראַיִנישע פֿרויען בײַ אַ רבין אין טשערנאָוויץ**
**פֿאָטאָ פֿון אַלאַן שאַרבאָנעל.**



**חסידים אין קראָקע.**



**אַן אַלטער ייִדישער בית־עולם אין אוקראַיִנע.**

[סוף פֿון זײַט 6]

און וואָס ציט צו[35] טויזנטער מענטשן. מיר זענען געגאַנגען אויף אַ קלעזמער־קאָנצערט, און נאָך דעם האָבן מיר אַרײַנגעקוקט דורך עפּעס אַ פֿענצטערל און געזען אַ זאַל פֿול מיט חסידים[36], יונגע און אַלטע, זינגענדיק אַרום אַ לאַנגן טיש – אַזוי ווי אַ בליק אויף גאַליציע מיט 100 יאָר צוריק.

אָבער די גרעסטע מעלה[37] בײַ אַנדרע קאָסמיצקי איז זײַן טאַלאַנט צו לאָזן אַן אָרט פֿאַר סורפּריז. ער רעדט מיט אַלעמען אויף אַלע שפּראַכן און האָט נישט מורא[38] צו ענדערן פּלענער אָדער בײַטן דעם מאַרשרוט. קומט אויס אַז אָפֿט מאָל איז דאָס בעסטע דווקא[39] געווען די אומגעריכטע[40] באַגעגענישן. צום בײַשפּיל : אין אַ קליין שטעטל, קוטע (ניט פֿאָרגעזען אינעם פּראָגראַם), האָבן מיר געטראָפֿן אַן אוקראַיִנישע פֿרוי פֿון 81 יאָר, וואָס האָט אונדז צוגעפֿירט צו אַ פֿאַרוואַקסענעם[41] ייִדישן בית־עולם און דערציילט אירע דערמאָנונגען פֿון דער מלחמה[42]. אין פּשעמישל[43] (די היימשטאָט פֿון בערנאַר, אַ מיטגליד פֿון דער גרופּע) האָט מען געפֿונען זײַן הויז, וואָס ער האָט נישט געזען זינט דער מלחמה – אַ רירנדיקער מאָמענט פֿאַר אַלעמען. אין באָלעכאָוו האָט נאָך איינע פֿון אונדז (פֿייגעלע) געפֿונען אַ פֿרוי וואָס קען (אפֿשר[44]) געהערן צו איר משפּחה[45]... אין טרוסקאַוועץ, אין אַ מיאוסן[46] האָטעל פֿון דער סאָוועטישער תּקופֿה[47] האָט אַנדרע זיך באַגעגנט מיט אַ ישׂראלדיקער[48] משפּחה און זיי פֿאַרבעטן מיטצופֿאָרן מיט אונדז אַ שטיקל וועג. איינער פֿון זיי האָט געאַרבעט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון דער ערד“ און האָט אונדז געהאַלטן אַ גאַנצן רעפֿעראַט[49] וועגן דער וואַסער־פֿראַגע אין מיטל־מיזרח ! און אַרויסגייענדיק פֿון דער לעמבערגער אָפּערע (וווּ מיר האָבן געזען די *פֿלעדערמויז*[50] אויף אוקראַיִניש), האָבן מיר געטראָפֿן אַ גרופּע סטודענטן וואָס לערנען זיך ייִדיש אין האַלער אוניווערסיטעט (דײַטשלאַנד) און, שטייענדיק דאָרטן אויפֿן ברייטן פּלאַץ, האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט מיט זיי פּראָסט[51] אויף ייִדיש. אָט אַזעלכע באַגעגענישן מאַכן פֿון אַ רײַזע אַן איין־און־איינציקע[52] איבערלעבונג.

35. attire/attract 36. KHSIDIM Juifs hassidiques/hasidim, *sing.* חסיד KHOSID 37. MAYLE qualité/asset 38. ... MOYRE n'a pas peur/is not afraid 39. DAFKE justement/in fact 40. imprévus/unexpected 41. envahi par les herbes/overgrown 42. MILKHOME guerre/war 43. Przemysl 44. EFSHER peut-être/perhaps 45. MISHPOKHE famille/family 46. MI'ESN laid/ugly 47. TKUFE époque/period 48. YISRO'ELDIKER israélien/Israeli 49. conférence/lecture 50. La Chauve-souris/Die Fledermaus 51. simplement/plain and simple 52. unique.


# דער ייִדישער טעם־טעם

**אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס**

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com